## קורצער בין־השמשות

די זון אין ים האָט זיך פֿאַרלאָשן
און באַלד, אָן לאַנגע שהיות
האָט ים מיט הימל זיך צונויפֿגעשלאָסן
ווי פֿון אַן אויג די ווײַעס.

איך האָב ניט אָנגעזען דעם האָריזאָנט,
ווי כ׳וואָלט די אויגן זיך פֿאַרבונדן,
כאָטש ליכט דער ברעג האָט אָנגעצונדן
און כאָטש דער ווײַטער איז געוואָרן נאָנט.

איך וואָלט דעם ים אויך ניט געפֿונען,
ווי ער וואָלט אויסגערונען,
ווען ניט זײַן קול,
וואָס מורמלט אַלע מאָל,
און ניט די ווײַסע שוימענדיקע וועלן —
די מאַרמאָר־שוועלן,
וואָס ער צעברעכט זיי מיט געברויז,
כאָטש שפּאָגל־נײַע לייגן באַלד זיך אויס
ניט צום איבערטרעטן
אין פֿרײַען מאָרגן צי אין אָוונט שפּעטן.

## פֿײַערן ווי אויגן

פֿון ווײַטן אין אַ האַלבן קרײַז,
וווּ ס׳איז בײַ טאָג דער האָריזאָנט געבויגן,
גענומען האָבן דאָרטן פֿאַרנווײַז
זיך צו באַווײַזן פֿײַערן ווי אויגן.
מען זאָגט — דאָס כאַפּט מען פֿיש בײַ נאַכט,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז ס׳גלאָצן רויב־חיות פֿון דזשונגל
מיט אויגן גלײַיקע אויף אונדזער יישוב.
זיי וואָלטן אים באַפֿאַלן אין דער טונקל,
נאָר ווי באַצויבערטע פֿון פֿײַער־כּישוף,
זיי בלײַבן שטיין פֿאַר אונדזער ליכטיק לאַנד
און אונדז פֿאַרצוקן זײַנען ניט אין שטאַנד.



די גאָלדענע קייט נומ׳ 41 (1961)

אוריאל ווײַנרײַך / ניו־יאָרק

# י.־מ. ווײַסנבערגס ניט־דערשאַצט „שטעטל״: וועגן באַפֿרײַען אַ מײַסטערווערק פֿון זײַן מחברס ביאָגראַפֿיע*

מיט פֿינף און פֿופֿציק יאָר צוריק איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען איטשע־מאיר ווײַסנבערגס לענגערע דערציילונג, אַ שטעטל. דאָס ווערק האָט גלײַך געמאַכט אַ רושם; עס איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, און די קריטיק האָט ניט געזשאַלעוועט קיין שבֿחים דעם מחבר. אָבער די טיפֿע מײַסטערישקייט פֿון דער דערציילונג האָט מען דערבײַ פֿאָרט ניט דערשאַצט. די סענסאַציאָנעלקייט פֿון ווײַסנבערגס ליטעראַרישער ביאָגראַפֿיע, די רײַסיקייט פֿון אַנדערע ווערק זײַנע, האָבן אָפּגעצויגן די מערקונג אויף זיך; און די פּאָליטישע בינדונגען פֿון זײַן טעמע האָבן געפֿירט צו דעם, מען זאָל אָנווענדן אויף זײַן דערציילונג מער פּאָליטישע איידער ליטעראַרישע מאָסן.

קיין פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון ווײַסנבערגס אַ שטעטל האָבן מיר עד־היום ניט. די כּוונה פֿון דעם אַרטיקל איז דעריבער אַרויסצוהייבן געוויסע סטיל־ און קאָמפּאָזיציע־שטריכן פֿון דער דערציילונג, וואָס מען האָט ביז איצט, דאַכט זיך, ניט דערזען, און וואָס וואָלטן געדאַרפֿט גענויער דאָקומענטירט ווערן אין אַ מאָנאָגראַפֿיע. איך באַטראַכט מײַנע הײַנטיקע אויספֿירן ווי אַ בײַשפּיל פֿון דעם אַלטן כּלל, אַז אַ מאָל דאַרף מען זיך באַפֿרײַען פֿון מחוץ־ליטעראַרישע קריטעריעס בכדי צו דערזען די אמתע, ריין ליטעראַרישע מעלות פֿון אַ שטיק ליטעראַטור, דעם קינסטלערישן פּלאַן און זײַן דורכפֿירונג.

I

איינער פֿון די בולטסטע סימנים פֿון ווײַסנבערגס אַ שטעטל איז דער אומאויפֿהער־לעכער, קיין איין מאָל ניט איבערגעריסענער גאַנג פֿאָרויס פֿון דער צײַט. ניטאָ דאָ קיין בליקן אויף צוריק, קיין אָנשוווּם פֿון זכרונות, קיין הפֿסק פֿאַר אַ סטאַטישער באַשרײַבונג פֿון פֿיזישע פֿאַקטן אָדער פֿון פֿירעכצן, וואָס קענען זײַן שײַך צו אַלע יאָר, ניט נאָר צו דעם יאָר וואָס ווערט דאָ באַשריבן. די איצטיקייט פֿון ווערב, טאָמער ווערט זי באַנוצט, איז אויך נאָר אַ מיטל צו פֿאַרפּאַמעלעכן אויף אַ מינוט דעם גאַנג פֿון דער צײַט, צו געבן אַ מעגלעכקייט נעענטער אײַנצוקוקן זיך אין עפּעס אַ קלייניקייט — אָבער ניט צו פֿאַר־

* אַ ביסל אַ קירצערן נוסח פֿון דער אַרבעט האָב איך געלייענט בײַ דער קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש־פֿאָרשונג אין ניו־יאָרק, דעם 10טן אַפּריל 1958. איך בין דאַנקבאַר דער רעדאַקציע פֿונעם נײַעם לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַר דערלויבן מיר אַרײַנצוקוקן אין אירע ניט־פּובלי־קירטע ביבליאָגראַפֿישע זאַמלונגען. עס איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז זומער 1961 איז אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער פּרעסע געווען אַ ידיעה, אַז אין זשעלעכאָוו האָט מען אַ באָמען געגעבן אַ גאָס נאָך י.־מ. ווײַסנבערגן.

טראכטן זיך וועגן אן אייביקן אמת. זעלטן ווען די גראדע ליניע פון צייט האט אין זיך א קנייטש פון א „דערוויל"־זאץ: בדרך־כלל קייטלט זיך א בילד מיט א בילד, פארבונדן דורך „און", „דעמאלט", „שפעטער", „באלד אויף מארגן", און ענלעכע אדווערבן און קאניונקציעס.

וואס פאר א מעכטיקע ספרונזשינע באוועגט עס די דערציילונג? די ספרונזשינע איז ניט קיין פשוטע, נאר א דרייִקע: און די דרייִקייט איז דער ערשטער מייסטע־רישער סטרוקטור־פרינציפ פונעם „שטעטל", וואס אויף אים וויל איך זיך אפשטעלן.

די האנדלונג שפילט זיך אפ, קען מען זיך אנשטויסן, אין יאר 1905. זי הייבט זיך אן פאר פרילינג, פאר פסח פון דעם דאזיקן רעוואלוציע־יאר; און זי לאזט זיך אויס טיף אין הארבסט. אין פאדערגרונט שטייט די דיאלעקטיק פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין דער דערציילונג. קהל גיט אן ארטיקן פאברי־גופא, וואס זי איז עס די הויפטטעמע פון דער דערציילונג. קהל גיט אן ארטיקן פאברי־קאנט א מאנאפאל אויף מצה; א גרופע שוסטערס שטעלט זיך אנטקעגן, נאר קריגט א מפלה. ארגאניזירט מען זיך, מען מאכט אחדות; מען שטרייקט, מען דערלאנגט שוין צוריק. אבער דער עצם נצחון פירט צו דעם, מען זאל אריבערכאפן די מאס; מען פראָ־וואָצירט די מאכט, די אנפירערס ווערן ארעסטירט, און עס קריגן די אייבערהאנט די ארבעט־געבערס. די באציִונגען אין שטעטל פארביטערן זיך. דערנאך, פון דער פארבי־טערונג — א צווייטער אויפשטייג פון רעוואלוציאנערע כוחות, אויך אונטערגעשטופט פון דרויסן: אין לאנד איז א גענעראל־שטרייק, די ארעסטירטע ווערן ארויסגעלאזן, ס'איז „קאנסטיטוציע", מען מעג אפילו כמעט אויסקלעפן פראקלאמאציעס. נאר ווידער גייט דער ענטוזיאזם אריבער די ברעגעס, מען דערצערנט די מאכט, און ווידער קומען סאלדאטן און ברעכן איין די דעמאנסטראציעס. — אומאפהענגיק פון דער היסטארישער פינקט־לעכקייט פון דעם בילד, האבן אט די אנטוויקלונגען אן אינעווייניקסטן האפט, דער סדר פון געשעעניש האט זיך זיין אייגענע איבערצייגעוודיקייט, אפילו ווען ס'וואלט קיין מאל א יאר ווי 1905 ניט געוועז.

פאראלעל צו דער געזעלשאפטלעכער סכעמע שטייען ביי וויסנבערגן נאך צוויי אנדערע: דער גאנג פון פרילינג ביז שפעט הארבסט, און פון ערב־פסח ביז נאך שימחת־תורה. פרילינג הייסט: דאס אייז וועט באלד פלאצן, און דער טייך וועט זיך צעגיסן, און וועט פארטראגן פלויטן און ברעטער אין דער ווייטער וועלט; די זון נעמט שיינען מיט א „שטילער, אויפריכטיקער ליכטיקייט", און פענצטער בלישטשען מיט א נייעם חן. הארבסט הייסט: די נאכט פאלט געשווינדער צו, ווערט קילער. דער מארק ווערט איינ־געשלאפן; דער סטרוזש בענקט נאך א פעלץ; דאס פעלד הילט זיך איין אין בלעטער ווי אין א געל טויטנקלייד; די צווייגן ווערן נאקעט און קרעכצן אין ווינט. סארא אויס־געצייכנטער משל עס איז דער בייט פון די צייטן אויפן גאנג פון דער רעוואלוציע, איר אויפבלי און אפבלי אין משך פון איין יאר! אבער וויסנבערג איז ניט פון יענע סימבאָ־ליקערס, וואס רוקן אונדז דעם נימשל אין פנים. פארקערט: ער זוכט גאר צו באהאלטן די סליאדן פון דער משלדיקייט. וועגן באלדיקן אייזגאנג, למשל, קומט צו רייד אין אנהייב, לאנג איידער מיר וויסן עפעס וועגן דעם „געזעלשאפטלעכן פרילינג"; און די פראכ־טיקע באשרייבונג פון דעם פוילישן הארבסט געפאלט ניט סימעטריש, צום סאמע סוף, נאר א ביסל „מלעיל", ווו זי פלאנטערט זיך ניט מיטן אסיען פון דער געזעלשאפטלעכער באוועגונג. ניט וויניקער בריהש איז אריינגעפירט די דריטע סכעמע: דער רעוואלוציאָ־נער אויפשטייג פאלט זיך צונויף מיט פסח. דער קריזיס מיט זיינע פאגראם־פחדים —



מיט די ימים־נוראים. אבער אריינגעפירט ווערט דער פאראלעליזם דיסקרעט ביז גאר. ניטא קיין איין ווארט וועגן קיין חג־החרות, און די געשרייען וועגן לית דין ולית דיין קומען יום־כיפור־צייט נאר... פון די הענער, וואס פון זיי פליען עס די פארבלוטיקטע פעדערלעך. — דריי באזונדערע ספרונזשינעס באוועגן די דערציילונג: צום אקטיווסטן, די רעוואלוציע; און פאסיווער, אויטאמאטישער — דער קאלענדאר פון איין זייט, דער לוח פון דער אנדערער. יעדערע מיט איר אייגענעם פלאן, דאך מייסטעריש סינכראניזירט מיט די אנדערע, און אין ערגעץ ניט איבערסכעמאטיזירט.

להיפוך צו דער איינהייטלעכקייט פון דער ריכטונג אין וועלכער עס גייט ביי וויסנ־בערגן די צייט — רק און רק פארויס — געפינען מיר א שלל מיט וואריאציעס אין אן אנדער אויסמעסטונג, וואס מיר וואלטן געקענט אנרופן די „פערספעקטיווישע". דער פאקוס פון דער באטראכטונג — אט פארשארפט ער, אט פארווישט ער זיך. ווי א פילמיר־אפאראט אויפן עקראן פון דער פאנטאזיע גיט ער אונדז א הייב אויף צו כאפן א פויגל־בליק פון דער ווייטנס און באלד לאזט ער אונדז צושוועבן נאענט און א קוק טאן אויף די קלענסטע פרטימלעך.

די דערציילונג הייבט זיך אן אין בית־מדרש, און דער פאקוס איז תחילה א נוליקער, א מאקסימאל פארווישטער:

פארן עמוד און אין די הענגלייכטער ברענען ליכט, און די ליכטפלעמלעך טוקן זיך אין רויך פון די פאפיראסן, און בלישטשען ארויס ווי פון א נעפל, וואס האט זיך צעלייגט אונטערן בעליק.

דער ערשטער בליק נעמט, הייסט עס, אריין נאר פלעקן ליכט און פינצטערניש. איצט, אין דער צווייטער פאזע, הייבן זיך אן צו פארשארפן די קאנטורן, און מען זעט שוין איינציקע ליניעס:

דער עולם איז רעדלעכוויז פארשמועסט. דער מיטלסטער אין רעדל רעדט און אלע ארום לייגן די אויערן צו מיט אנגעבויגענע קעפ און פארקנייטשטע שטערנס.

מיט עטלעכע שורות ווייטער ווערט דער פאקוס נאך שארפער מיט א קארב: עס קומט צו קאליר, און אנשטאט ליניעס פון רוקנס זעען מיר שוין, אין דער צווייטער פערספעקטיווישער פאזע, פרטים פון פיזיאנאמיעס.

די חברה קצבים, יידן מיט פליישיקע, רויטע פנימער, מיט פוטערנע היטלען אויף די קעפ, איבער די אויערן אראפגערוקט און מיט גרינע גארטעלעך אויף די דיקע, פארפעצטע קאפעטעס, האבן זייער באזונדערן טיש... די אויגן פינקלען אפער פון אונטער די טיפע היטלען...

בהדרגה נעמען זיך פון דעם עולם ארויסשיילן יחידים, אבער ניט תיכף די העלדן פון דער דערציילונג: פריִער, פארבייגייענדיק, הערן מיר פון עפעס א יעקל בריסקער און א נחום האמלער, אז זיי וועלן קומען באלד נאך פסח; און ווידער טונקען זיי זיך אונטער אין דער ניט־דיפערענצירטער מאסע: מיר ווייסן ניט, צי זענען זיי טאקע געקומען. ערשט ביי א צווייטן גראד פארשארפונג דערזעען מיר א פארשוין, וואס בלייבט שוין אין פאקוס אויף ווייטער: יעקל סטאליער, דער פירער פון די אחדות־לייט.

און אזוי ווארייִרט דער פאקוס אהין און צוריק, בשעת די צייט און די האנדלונג האלט אין איין גיין פארויס. ביים קלימאקס ווערט די אקציע אזוי האסטיק, אז דער דע־ליקאטער אבסערוויר־אפאראט קען אזש ניט תופס זיין די געשעענישן, און עס נעמען

פֿאַרבײַבליצן אויפֿן גראַמאַטישן עקראַן אָפּגעריסענע פֿלעקן — זאַצן אָן ווערבן. די עובֿדא צו קאָנסטרויִרן פֿון זיי אַ כוללדיק בילד פֿאַלט שוין אויפֿן לייענער.

...אַ געקלאַפּעריי פֿון העלצער אָן העלצער, אויסגעמישט מיט משונה־ווילדע קולות, האָט די לופֿט מיט משוגעת אין בהלה אָנגעפֿילט... און אָט — דער פֿאָטער. דאָס פּנים בלאָס אין צעמישט. פּאָפּציק הענט שטופּן זיך מיט אים פֿון טירל אַרויס. דער זון אויך. מען דערקענט אים שוין קיין פּנים נישט, רויט, פֿאַרגאָסן; אין גאָלן קאָפּ. און די האָר טרינקען זיך אין בליט. [אינטערפּינקציע לויט אויסג׳, וואַרשע 1930].

אין דער ווילדער בהלה ווערט דערשאָסן אַ מענטש, אָבער ערשט מיט אַ פּאָר זײַטלעך שפּעטער כאַפּט זיך דער מבֿולבלער צוקוקער, וואָס דאָ איז געשען: און ערשט בײַם צוריקטראַכטן ווערט קלאָר, אַז ווען „דער הויכער יונג איז אַרײַן אין שטוב, געכאַפּט עפּעס פֿון איבערן קוימען", איז עס געווען אַ רעוואָלווער, און דער „איין צוויק אונטערן האַרץ", וואָס חיים־יאָסעלעס שווער האָט דערפֿילט איידער ער איז געבליבן שטיין „אַן אָפּגעקאָכטער", דער צוויק איז עס געווען די קויל, וואָס איז אים אַרײַן אין דער ברוסט.

צום סוף פֿון דער דערציילונג מאַכן מיר דורך אַ פֿאַרווישונג פֿון פֿאָקוס, וואָס איז דער היפּוך פֿון דער פֿאַרשאַרפֿונג אין אָנהייב. אויך דער לעצטער צוזאַמענשטויס קומט פֿאָר אין בית־מדרש. דער רבֿ מיט זײַנע מקורבֿים ווילן זאָגן תּהילים, יעקל מיט די שוסטעריונגען פֿאָדערן קעמפֿן מיט „בראָן", ד"ה מיט געווער. אָבער ווידער אַ מאָל גערוֹט ווײַסנבערגן אויסצומײַדן אַ צו סכעמאַטישע סימעטריע, און די ענדגילטיקע אויסגלייכונג ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ סצענע שפּעטער. קיין יחידים־העלדן זעט מען שוין ניט — נאָר עפּעס אַ צופֿעליקער פֿויער פֿאַרענטפֿערט זיך נאָך פֿאַרן זשאַנדאַר — און דער קלאַנג פֿון רייד ווערט באַלד אויך פֿאַרשטומט: דער אָפֿיציר מאַכט שוין נאָר מיטן קאָפּ צו די זעלנערס. די לעצטע קלאַנגען זענען פֿון שווערדן אין די שיידלען, פֿון פּאָדקעוועס און שפּאָרן אויף דער בריק. די שאַרפֿע ליניעס פֿון פֿערד און זאָטלען פֿאַרווישן זיך אַפֿילו, עס בלײַבן שוין נאָר קאָנטורן פֿון אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פֿאַרהאַקטע לאָדנס. די גאָלע שווערדן בליצן אָפּ, דער גראָער מאָרגן־נעפּל פֿאַרהילט די סאָלדאַטן און זאַפּט זיי אײַן אין זיך, און צו לעצט בלײַבט ניט מער ווי „אַ שוואַרצער וואָלגענדיקער פֿלעק". אַנטקעגן דער איינריכטונגדיקער גראָדער ליניע פֿון צײַט־באַוועגונג שטייט אַן איידל געכוואַליעטע בויגן־ליניע פֿון טעמפּאָ און בליקשאַרפֿקייט; די סובטילע שפּאַנונג צווישן די צוויי ליניעס באַשטימט דעם ריטעם פֿון דער דערציילונג.

אַ דריטער סטרוקטור־סימן פֿון דעם מײַסטערישן ווערק — אפֿשר דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער — איז די גלײַכוואָג, וואָס ווײַסנבערג האַלט אײַן אין דער באַשרײַבונג פֿון מאַסע און יחיד. ווער זענען דען די העלדן פֿון דער דערציילונג? פֿאַראַן דער פֿירער פֿון די אַרבעטער, יעקל סטאָליער; פֿאַראַן אויך אַ צווייטע פֿירער־פֿיגור, איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער. נאָר דער הויפּהעלד איז — דאָס שטעטל גופֿא. די פֿאַרשוינען זענען יחידים, אָבער כאַראַקטעריזירט ווערן זיי אָפֿט — אַ מאָל אויסשליסלעך — מיט פֿאַך־עפּיטעטן: יעקל סטאָליער, איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער, עוזר גאַרבער, יאָסל זייפֿן־זידער, זעליק שינדער. נאָך איידער מיר קענען די העלדן, קריגן מיר שוין, אויף די ערשטע פּאָר זײַטלעך, אַן אַרײַנבליק אין דעם עקאָנאָמישן געבוי פֿון שטעטל. זײַן קאָנצענטרירונג אויף שוסטערײַ, זײַן איבערגאַנג צו אַ מין מאַסן־פּראָדוקציע אויף וואַרשעווער באַשטעלונגען. די קרעמערס זענען פֿאַרטאָן, גרייטן אַלץ אויף יום־טובֿ —





אין קלייניקייט, „וואָס אַ שטעטל דאַרף אַלץ". דער ערשטער זאַץ פֿון דער דערציילונג איז בכלל אָן אַ סוביעקט. אין צווייטן איז דער סוביעקט — „דער עולם", און נאָך מיט אַ פּאָר זאַצן ווײַטער זעען מיר, ווי „דער עולם איז רעדלעכווײַז פֿאַרשמועסט". ניט מענטשן שמועסן אין רעדלעך, און ניט רעדלעך שטייען, נאָר דער עולם, אונדזער העלד, שטייט אַ פֿאַרשמועסטער, רעדלעכווײַז. דער עולם קוקט און גאַפֿט, און בײַ איין געשלעג זעט די קופּע מענטשן אויס ווי איין גרויסע חיה מיט טויזנטער רירעוודיקע גלידער. דער עולם לעבט מיט זײַן אייגענעם פּולס, ער שפּאַנט זיך אָן און רוט זיך אָפּ. בײַ אַ גרויסער פּראָצעסיע זעען מיר, ניט אַז אַלע קניִען, נאָר אַז אַלץ קניט. בהסכּם מיט דער פּערסאָניפֿיקאַציע פֿון דעם עולם שטייט די „דעפּערסאָניפֿיקאַציע" פֿון טוונגען דורך זאַצן אָן פּערזענלעכע סוביעקטן. די ווערבאַלע סובסטאַנטיוון פֿונעם מישקל „גערײַדערײַ, געשעפּטשערײַ, געזינגערײַ, געשלעגערײַ", וואָס ווײַסנבערג האָט אַזוי ליב, קאָנצענטרירן אין זיך נאָך מער, ווי סתּם אַן אינפֿיניטיווע אַקציע לשמה, ריינע טוונג אָן אַ טוער. ניט אי־הייבט אָן שלאָגן ב'ן, נאָר עס ווערט אַ געשלעגערײַ. ניט דער אָדער יענער שרײַט געוואַלד, נאָר „געוואַלד! איז אַ געטומל געוואָרן און אַ געשטרעקערײַ פֿון הענט צום ייִדן אויפֿן טיש".

בײַם נעמען דעם „עולם" פֿאַר אַ העלד און באַהאַנדלען אים ווי אַ כּמו־אָרגאַניזם מיט אַלע זײַנע „גלידער", שטייט אַ שרײַבער אין אַ גרויסער סכּנה פֿון סכעמאַטישן סאָציאָלאָגיזם. ווײַסנבערג באַלאַנסירט אָבער מיט דער גרעסטער בריהשאַפֿט דעם „עולם" קעגן זײַנע באַשטייטיילן, און אַנשטאָט סאָציאָלאָגיע קומט אַרויס — קונסט. די דרײַ מעכטיקע ספּרונזשינעס וואָס טרײַבן די דערציילונג — די רעוואָלוציע, דער קאַלענדאַר און דער לוח — מאַכן שווער פֿאַר יחידים מיט זייערע פּריוואַטע מאָטיווירונגען אַרויסצושטאַרצן, און די מענטשן בלײַבן טאַקע אין באַרעליעף. אָבער אַ רעליעף איז פֿאַראַן. דער קלאַסנקאַמף גייט אויף אַ קלאַסישן דרך, אָבער דווקא די דראַמאַטישע הויכפּונקטן זײַנע ווערן יחידיש און מענטשלעך. די כּלי־קודש זענען איין צד מיט די פֿאַבריקאַנטן, אָבער ר׳ עוזר גאַרבער, דער פֿאַבריקאַנט, שטייט אין טלית־און־תּפֿילין און טענהט זיך אויס מיט יעקלען וועגן דער ביטערער דאָליע פֿון דעם געפּלאָגטן אַרבעט־געבער; דודל ראָזנצווײַג, דער אַדוואָקאַט און אײַנגייער בײַ נאַטשאַלסטווע, געהערט צום פֿאַבריקאַנטן־צד לויט זײַנע קלאַסן־אינטערעסן, אָבער די קינאה צו יעקלען, וואָס פֿירט דין־תּורות און מעסט אויס רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט די ייִדן און ייִדענעס אויף זײַן אייגענער אַחריות, איז נאָך וויכטיקער. און ווען דודל האָט זיך, בעת דער ירידה פֿון דער פֿאַבריקאַנטן־מחנה, געפֿילט פֿאַריתומט, פֿלעגט ער „זיך צורוקן צו וועלכן עס איז פֿון די אַחדות־לײַט און דערציילן אים פֿון די צײַטונגען און לויבן די ביאַליסטאָקער שטרײַקערס און די באַקוער שׂריפֿות — ביז אין טאָג אַרײַן"; וואָרעם דער מענטשלעכער עלנט איז רעאַלער ווי די קלאַסן־געטרײַשאַפֿט. פּונקט אַזוי איז די פּערזענלעכע קאָנקורענץ צווישן יעקלען און איטשעלען ממשותדיקער איידער יענער סטאַנדאַרד־קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג — דער פּאָליטישער פֿאַרמעסט צווישן בונד און פּ.פּ.ס. וועגן דעם, ווער עס וועט פּאַרטייִש אָרגאַניזירן דאָס שטעטל.

דאָס וויכטיקסטע מיטל, מיט וועלכן ווײַסנבערג היט זיך אויס פֿון דער סכּנה פֿון פּאָליטישער פֿאָרמלדיקייט, איז דער הומאָר. בײַ סטראַטעגישע געלעגנהייטן אין גאַנג פֿון דער דערציילונג דערמאָנט ער אונדז אין דער יונגקייט, שיִער ניט דער קינדערישקייט פֿון די קעמפֿערס, אין דער קליינשטעטלדיקייט און דער אומצײַטיקייט פֿון זייער קלאַסן־

באַוווסטזײַן. אין וועלכע שטרײַקערס איז מען זיך נוקם? אין יענע, וואָס בײַ זיי אין שטוב זענען קיין שטאַרקע טאַטעס ניטאָ. בײַ דער גאַנצער סטיכישער מעכטיקייט פֿון דער באַוועגונג, באַמערקט אַ פֿאַרשוין אין דער דערציילונג, וואָלט געווען גענוג „איין גוייִש געלעכטערל״, און אויפֿן אָרט פֿון שטעטל בלײַבט אַ ליידיקער פּלאַץ. חבֿרה פֿאַרלאָזט זיך גריוועס, מען קריכט אַרײַן אין די בלויע העמדלעך, מען פֿאַרבענקט זיך נאָך אַ פֿאָן. מען נעמט איבער נאָר די שאָלעכץ פֿון דעם בונדישן נוסח, מען גייט „אָנקוקן״ אַ דיסקוסיע, מען וווּנדערט זיך אויף די „אַלטע געמיינע שטרײַקן״, מען פֿאַרשטייט ניט אַזעלכע ווערטער ווי „חבֿרים״, „פֿאַרטיידיקן זיך״, און די שבֿועה איז נאָך ניט קיין הימען, נאָר אַזוי אַ נײַ, שיין לידל. ווען מען אַרעסטירט יעקלען, ווי רעאַגירט די בעל־הביתטע? אַז ער איז געבליבן שולדיק פֿאַר פּאַפּיראָסן; און ווען מען דערציילט דעם שווער, אַז זײַן חיים־יאָסעלע איז צעבלוטיקט געוואָרן, כאַפּט ער זיך אַרויס: „אוי וויי, באַלד אין דער פֿרי?״ אַזוי מאָלט ווײַסנבערג די גרויסע מענטשלעכע קאָמעדיע.

די הומאָריסטישע און אינדיווידואַליזירטע באַהאַנדלונג פֿונעם קלאַסנקאַמף פּאַסט זיך גלאַטיק אַרײַן אין דעם גרויסן רעאַליסטישן פּלאַן פֿון ווײַסנבערגס דערציילונג, ווו די פּרטים פֿונקציאָנירן ניט לשם זייער אייגענער וואָכעדיקייט, און אויך ניט ווי סימבאָלן — קליפּות פֿון עפּעס אַ העכערער מעטאַפֿיזישער סיסטעם, נאָר ווי פֿולבלוטיקע פֿאַקטן וואָס זענען פֿאַראייביקט דורך אַ לעבעדיקן, דער־וועלטיקן קינסטלערישן פּרינציפּ. וואָס מער איר לייענט ווײַסנבערגס אַ שטעטל, אַלץ מער זעט איר, ווי יעדער פּרט פֿון סטיל און קאָמפּאָזיציע איז דאָ אויף אַן אָרט.

II

ווי שטאַרק ווײַסנבערגס אַ שטעטל האָט אויסגענומען, קען מען דרינגען פֿון דער הצלחה פֿון זײַנע אויסגאַבעס (אמת, זיי זענען כמעט אַלע שלעכטע). נאָך דעם ווי זי איז געגאַנגען אין וואַרשעווער וועג אין 1906, איז די דערציילונג אַרויס אין זעלביקן יאָר אין בוכפֿאָרעם, און איז, ווײַזט אויס, איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1909 און 1911. אַ שטעטל איז דערנאָך אַרײַן אויבן אָן אין דער זאַמלונג ווירקלעכקייט, וואָס ווײַסנבערג האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין 1925, ווי אויך אין דעם איבערדרוק פֿון דעם באַנד פֿון דער קולטור־ליגע אין וואַרשע (1930) און אין קיִעוו אין 1930. די דערציילונג איז אויך אַרויס ווי אַ ספּעציעל ביכעלע פֿאַר שולן אין מאָסקווע, 1933, און איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין די איינבענדיקע אויסגאַבעס פֿון ווײַסנבערגס געקליבענע ווערק — וואַרשע, 1950; ניו־יאָרק, 1954; און שיקאַגאָ, 1959.

די קריטיק אָבער, כאָטש זי האָט געהאַט צו זאָגן וועגן שטעטל אַ סך גוטס,** האָט עס ווי אַ ליטעראַריש קונסטווערק פֿאָרט ניט דערשאַצט. שוין דאָס אַליין, וואָס מיר האָבן ניט קיין קריטישע אַרבעטן, וואָס זענען אָפּגעגעבן נאָר דעם ווערק אַליין, איז אַ סימן דערפֿון. און אין די פֿאַראַנענע אַרבעטן, וואָס זייער טעמע איז ווײַסנבערג בכלל,

** אַחוץ די קריטישע אַרבעטן, וואָס ווערן דאָ ציטירט, דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם געהעריקן אַרטיקל אין רייזענס לעקסיקאָן ב׳ I; ש. ניגערס קאַפּיטלען וועגן ווײַסנבערגן אין וועגן ייִדישע שרײַבער, ווילנע—וואַרשע, ב׳ II, אָן אַ יאָר, זז׳ 27—78; און ב. מאַרקס עסיי אין די לאָדזשער ייִדישע שריפֿטן, נומ׳ 1 (33) און נומ׳ 3 (35), 1950. נאָך ווײַסנבערג־מאַטעריאַלן געפֿינען זיך אינעם זשעלעכאָווער בולעטין, שיקאַגאָ, ב׳ II, נומ׳ 7—8 (1950). זען אויך מלך ראַוויטשס מײַן לעקסיקאָן, ב׳ I, מאָנטרעאָל, 1947, זז׳ 80—85.



ועט זיך ניט אָן אונדזער דערציילונג כּפֿי זי פֿאַרדינט עס. נאָך אַ סימן פֿון דער ניט־דערשאַצונג איז דאָס, וואָס אַפֿילו די בעסטע אַרויסגעבערס האָבן גענומען די דערציילונג און זי אומשולדיק געקירצט. די אויסגאַבע פֿון דער ל.־מ. שטיין־ביבליאָטעק, למשל (ניו־יאָרק, 1954), האָט זיך דערלויבט, אין אַ באַנד פֿון 310 זײַטן, צו געבן פֿון שטעטל נאָר „קאַפּיטלען״ (אין אָריגינאַל זענען בכלל קיין קאַפּיטלען ניטאָ, דערבײַ האָט מען דעם גאַנצן קלימאַקס פֿון דער דערציילונג אויסגעשניטן און חרובֿ געמאַכט די גאַנצקייט פֿון דער קאָמפּאָזיציע). די מאָטיוון זענען דאָ זיכער געווען ריינערע, אָבער דער קינסטלערישער היזק איז געווען אַ גרעסערער, איידער אין דער סדום־„קירצונג״, וואָס ש. קליטעלניק האָט דורכגעפֿירט אין מאָסקווע אין 1933 — אַרויסלאָזנדיק, „צוליב אידעאָלאָגישע און מעטאָדישע טעמים״, ווי ער זאָגט, אַלע שטעלן ווו עס קומט צו רייד וועגן בונד.

די סיבות פֿון דער ניט־דערשאַצונג זענען פֿאַרשיידענע.

קודם־כּל האָט ווײַסנבערג דאָ געשריבן אויף אַ טעמע, וואָס צו איר איז געווען שפּירעוודיק ניט נאָר דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר אין דער ייִדישער קריטיק, נאָר בכלל יעדער געזעלשאַפֿטלעך באַוווסטזיניקער קריטיקער — ד״ה פּראַקטיש יעדער איינער. ווײַסנבערגס העלדן זענען, ווי ב. י. ביאַלאָסטאָצקי זאָגט,*** „מער יאַטן ווי רעוואָלוציאָנערן; מער ‚בונטיק׳ ווי ‚בונדיש׳ — סתּם זיי בונטעווען זיך!״ ווי באַלד אַזוי איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַ בונדישער קריטיקער קען ניט זײַן אין גאַנצן באַפֿרידיקט פֿון דער הומאָריסטישער דיסטאַנץ, פֿון וועלכער דער מחבר באַטראַכט זײַנע אָביעקטן. שאַרפֿער קומט די אומצופֿרידנקייט אַרויס אין דעם עקסטרעמער־מאַרקסיסטישן, בעצם אַנטי־קינסטלערישן לאַגער — אין דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער קריטיק. „ווײַסנבערג״, שרײַבט מ. ליטוואַקאָוו אין אַרײַנפֿיר צו דער קיִעווער אויסגאַבע פֿון 1930, „איז טאַקע אַ קבצנים־שרײַבער, אַ פּלעבייִ... [אָבער] אַזוי ווי ער איז ניט דורכגעדרונגען מיט אַן אויסגעפֿאָרעמטן קלאַסן־באַנעמען [פֿון] די געשעענישן פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905[טן] יאָר, פֿילט זיך בײַ אים אָפּט אַ פֿאַרבאָרגן ביטול־שמייכעלע צו דעם גאַנצן קאַמף פֿאַר אָרגאַניזאַציעס און פֿון אָרגאַניזאַציעס״. און עס לאָזט זיך אויס, אַז זײַן רעאַליזם איז „כמעט אַ נאַיִווער״, ווײַל... „פֿאָרעם און אינהאַלט זענען ענג פֿאַרבונדן״. און קליטעלניק באַשולדיקט ווײַסנבערגן אין 1933, אַז אין אַ שטעטל איז ער „געבליבן שטעקן אין די ראַמען פֿון די פֿאַקטן״, רחמנא־ליצלן. אומצײַטיק, טענהן זיי, די פֿאַלשע קריטיקערס, איז גאָר ניט די באַשריבענע אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר איר באַשרײַבער.

אַ צווייטע סיבה פֿאַר דער ניט־דערשאַצונג פֿון ווײַסנבערגס אַ שטעטל איז דער פֿאַרגלײַך מיט שלום אַשס ווערק וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען. שולדיק איז ווײַסנבערג אַליין — ער האָט דאָך דערקלערט מלחמה אַשן מיט דעם, וואָס ער האָט צוויי יאָר נאָך אַשן אַרויסגעלאָזט אַ בוך מיט דעם זעלביקן טיטל. אמת, דווקא דער פֿאַרגלײַך האָט געדאַרפֿט העלפֿן דערזען, אויפֿן פֿאָן פֿון אַשס שווערהאַנטיקע, גראָב־חושימדיקע און נודנעוואַטע סענטימענטאַליטעטן, וואָס פֿאַרכלינען זײַן ביכל, די סובטילע אויספֿירונג און קלאַסישע געמאָסטנקייט פֿון ווײַסנבערגס קונסטווערק. אָבער אונדזער קריטיק, אַ דורכגעדרונגענע מיט געזעלשאַפֿטלעכקייט, האָט פֿאַרזען די פֿאָרעם־פּראָבלעם און האָט זיך אַנשטאָט דעם פֿאַרקוקט אויף דער סאָציאַלער זײַט פֿון דער טעמע. און פֿון זינט ניגער,

*** ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, „י. מ. ווײַסנבערג, 1881—1938״, די גאָלדענע קייט, נומ. 21 (תּל־אָבֿיבֿ, 1955), זז׳ 210—216.

אין דער עיקר בעל־מחשבֿות אין זײַן באַרימטן עסיי וועגן „דרײַ שטעטלעך“, האָבן אײַנגעפֿירט די מאָדע פֿון פֿאַרגלײַכן ווײַסנבערגן מיט אַשן, האָט מען זיך פֿון דעם קאָנטראַסט צווישן אַשס בעל־הבתּישקייט און ווײַסנבערג פּלעבעישקייט שוין ניט געקענט באַפֿרײַען.

אַ דריטער שטער בײַם דערשאַצן אַ שטעטל איז דאָס התנהגות פֿון אונדזער קריטיק, אַז — אַחוץ לויפֿיקע רעצענזיעס — שרײַבט מען כּמעט ניט וועגן באַזונדערע ווערק, נאָר וועגן גאַנצע שרײַבערס אויף אַ מאָל. און באַלד ווי מען נעמט שאַצן ווײַסנבערגן דעם גאַנצן שרײַבער, גיבן זיך אַ וואָרף אין די אויגן די רײַסיקערע טעמעס און די מער נאַטוראַליסטישע באַהאַנדלונג זייערע אין אַנדערע ווערק פֿון אים, דעם ייִדישן איבערזעצער פֿון 1001 נאַכט. אין פֿאַרגלײַך מיטן מענה־לשון, מיט דער טומאה, מיט די פֿינצטערע תּאוות, מיטן גילוי־עריות, וואָס מיט זיי שוויבלט אין די אַנדערע מעשׂיות, איז דער קאַמף פֿון אַ שטעטל, מישטיינס געזאָגט, אַ שטילע חתונה; די קעפּ וואָס שפּאַלטן זיך, דאָס מייקעכץ וואָס גיסט זיך איבער בערד, דער ניאוף פֿון גנבֿים אויף די קבֿרים פֿון בית־עלמין אין אַנדערע דערציילונגען ווײַסנבערגס פֿאַרשאָטענען די לפֿי־ערך מילדע גיוואַלדן און היימישע פּעטש — אַפֿילו דעם „ערשטן ייִדישן שאָס“ — פֿון דעם אמתן מײַסטערווערק זײַנעם. און אַזוי פֿאַרשיידנדיק זענען די „דרײַ ווײַסנבערגס“ — דער ליריקער, דער הומאָריסט, און דער נאַטוראַליסט — אַז „איבער אַלע זײַנע אויפֿטוונגען“, קלאָגט זיך ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, „זעט זיך... ניט קיין פֿאָדעם וואָס פֿאַראייניקט עס, און עס זעט זיך ניט קיין קלאָרע קינסטלערישע אידעע“. דער קריטיקער מעג זײַן גערעכט אָדער ניט וועגן דעם גאַנצן שרײַבער, אָבער עס איז קלאָר, אַז אַזאַ צוגאַנג מוז מבֿטל זײַן די מעלות פֿון אַן איינציק ווערק. נאָך גרעסער איז דער מעטאָדאָלאָגישער פֿעלער פֿון יענע, וואָס נעמען אַרײַן אין חשבון ניט נאָר אַנדערע ווערק פֿון דעם שרײַבער, נאָר אויך זײַן ניט־ליטעראַרישע ביאָגראַפֿיע. ווײַסנבערג איז, כּמעט פֿון פּרצעס טויט אָן, געווען דער צענטער פֿון כּסדרדיקע סקאַנדאַלן. „אין נויט און אין איינזאַמקייט“, שרײַבט בער י. ראָזען (פֿאַרטרעטן, ב״אַ 1952), „צעקריגט מיט כּמעט דער גאַנצער ליטעראַרישער סבֿיבֿה, האָט ער פֿון זײַנע זאַמלביכער אַרויסגעשאָלטן און לעבעדיקע פּאַסן געשניטן פֿון יענע אַלע, וואָס האָבן זיך זאַט און זעלבסטצופֿרידן באַזעצט אין דער טאָגפּרעסע און אויסגעטוישט די אידעע פֿון אַ ייִדישער ליטעראַטור אויף אַ גוטן מיטאָג. עס האָט געפֿלייצט מיט שוים און גאַל פֿון יעדער שורה זײַנער, פֿון יעדן וואָרט“. און ער האָט קולטיווירט אין זיך זײַנע צוויי קאָמפּלעקסן — אינטעליגענטן און ליטוואַקעס. אַוודאי איז שווער פֿאַר די וואָס ער האָט געזידלט, — און וועמען האָט ער, אָדער וואָלט ער הײַנט, ניט געזידלט? — קיל אָפּצושאַצן די מײַסטערשאַפֿט פֿון איינער זײַנער אַ דערציילונג. נאָר קיין תּירוץ איז עס ניט.

דער גרעסטער מיכשול בײַם דערשאַצן ווײַסנבערגן איז געווען דווקא די הייך פֿון זײַן דערגרייכונג — כּפֿי זײַן אָפּשטאַם. ווײַסנבערג איז ביז די דערוואַקסענע יאָרן געווען אַ בעל־מלאכה אין זײַן שטעטל זשעלעכאָוו, דערנאָך אין לאָדזש און אין וואַרשע. זײַן איינציקע בילדונג איז געווען — עטלעכע יאָר אין חדר, און קיין טיפֿע שפּור האָבן זיי אויך ניט איבערגעלאָזט. „אַ פּראָסטע היים“, דערציילט זײַנער אַ לאַנדסמאַן ראָזענען; „ס׳הייסט פּראָסט? ס׳קען שוין גאָר ניט זײַן פּראָסטער: קצבֿים. ער אַליין, דער ייִד, געדענקט נאָך ווי איטשע־מאירל פֿלעגט אַרומרײַטן אויף אַ חזיר איבערן זשעלעכאָווער מאַרק. אין אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט ער טרײַבן בהמות אין שעכטהויז אַרײַן“. מיט אַזאַ ייִחוס איז שוין געבליבן, אַז ווײַסנבערג איז „פּרימיטיוו“ (ביאַלאָסטאָצקי),





„קרעפּטיק“ (ניגער), עכט, און עס איז געווען גענוג ליטעראַרישער נס — אייגנטלעך ליטעראַטישער נס — אַז אָט דער „זשעלעכאָווער פּויער“, דער ווײַסנבערג מיט דער מענטאַליטעט פֿון אַ ייִשובֿניק (ראָזען), זאָל דערגרייכן אַפֿילו ד י מדרגה. אָבער סובטילקייט פֿון קאָמפּאָזיציע, פֿון פּערספּעקטיוו? קלאַסישע געמאָסטנקייט? אויף דעם האָט מען זיך שוין ניט געקענט ריכטן אַפֿילו בײַ דעם וווּנדערקינד, און ממילא — האָט מען עס ניט געפֿונען. און ווײַל בעל־מחשבֿות האָט אים, מן־הסתּם, איבערגעשאַצט ווי אַ שרײַבער מיט רופֿן אים „אפֿשר די גרעסטע האָפֿענונג אונדזערע“, געפֿינען שפּעטערדיקע קריטיקערס ווי י. ראַפּאָפּאָרט (אויסגעריסענע בלעטער, מעלבורן, 1951) פֿאַר נייטיק צוריק אײַנצושטעלן אַ פּראָפּאָרץ, צו ווײַזן, ווי די ייִדישע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואַקסן פֿון יענער התחלהדיקער נאָך־פּרץ־סטאַדיע, ווען ווײַסנבערג האָט געקענט זײַן „די גרעסטע האָפֿענונג“. און אַזוי, לויבנדיק ווײַסנבערגן, איז מען אים מזלזל; מען מאַכט פֿון אים אַ „געוועדליקטע גרויסקייט“ (גלאַטשטיינס אַ טערמין) — ער איז גרויס וועדליק זײַן צײַט — און די מײַסטערישע מעלות פֿון איין דערציילונג, וואָס איז נאָר איינע אין זײַן גרויסן סכום שאַפֿן, בלײַבן ווײַטער ניט דערשאַצט.

נאָר דורך אָפּוואַרפֿן די אַלע פֿאַלשע, ניט שײַכדיקע קריטעריעס, קען מען אײַנשטעלן אַ קריטישע בעל־הבתּישקייט וווּ ווײַסנבערגס אַ שטעטל זאָל קענען זיצן אויבן אָן צווישן די גרעסטע פּראָזע־פּערל פֿון אַ דוד בערגעלסאָן און אַ ל. שאַפּירא.